STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01402

SHAMAYIM BA-ESEV

Rukhl Fishman

Permanent preservation of this book was made possible
by Rena Costa

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

רחל פישמן

שמים בעשב

מיידיש: אריה אהרוני

אלף ● הפצה והוצאת ספרים בע"מ

רחל פישמן

הימל צווישן גראָזן

איבערגעזעצט אויף העברעיש
פון אריה אהרוני

הפצה והוצאת ספרים בע״מ, ת״א
רח׳ נחמני 49, טלפון 612003
נדפס בישראל 1968
סודר ונדפס בדפוס דבר בע״מ, ת״א

דריי שאָטנס

קען איך:

דער באַרג אויף אונדזער עמק;

דיין האַנט אויסגעשטרעקט

צו מיר;

אַ קינדס וויעס

איבער רונדער באַק אַראָפּגעלאָזט.

און אַ פערטער

און אַ פינפטער שאָטן,

וואָס איך זע איצט —

נאָר די שאָטנס פון זייער שאָטן.

שְׁלֹשָׁה צְלָלִים

אֲנִי יוֹדַעַת:

הָהָר עַל הָעֵמֶק שֶׁלָּנוּ;

יָדְךָ הַמּוּשֶׁטֶת

אֵלַי;

רִיסָיו שֶׁל יֶלֶד

יוֹרְדִים עַל לֶחִי סְגַלְגֶּלֶת.

וְצֵל רְבִיעִי

וְצֵל חֲמִישִׁי —

שֶׁאֲנִי רוֹאָה עַכְשָׁו

הֲלֹא רַק צֵל צִלָּם.

ביים פוס פון בוים

אַ הויפן פעדערלעך צעשיט בײַם פוס פון בוים
און לעבן זיי דאָס קערפּערל
פאַרטריקנט הויל.
אין ברוסט אַ לאָך.
ניטאָ דאָס הערצעלע.
פון שונא אויסגעפּיקט.

פעדערן, פעדערן, צעפליקטע פאַפירן.
איצט ליגן זיי רויִק די לידער, אַ הויפן.
איך —
מער אידיאָט ווי מערדער,
שטיי
מיט לאַנגע אָרעמס און שווערע הענט.

פייגעלעך קינדער!
אַזוי איז עס שוין:
אָן אַ האַרץ —
קאָן אפילו אַ ליד ניט אויסשטיין
זײַן אייגענעם בעסטן שונא.

למרגלות העץ

עֲרֵמַת נוֹצוֹת פְּזוּרָה לְמַרְגְּלוֹת הָעֵץ
וְעַל־יָדָהּ זֶה הַגּוּפִיף
יָבֵשׁ בְּלֹא כְּסוּת.
חוֹר בֶּחָזֶה.
חָסֵר הַלֵּב.
נֶקֶר בְּפִי שׂוֹנֵא.

נוֹצוֹת, נוֹצוֹת, פִּסּוֹת נְיָר קְרוּעוֹת.
עַכְשָׁו מוּנָחִים הַשִּׁירִים בְּהַשְׁקֵט, עֲרֵמָה.
אֲנִי —
מְטֻמְטֶמֶת יוֹתֵר מֵרוֹצַחַת,
עוֹמֶדֶת
שְׁמוּטַת זְרוֹעוֹת וְכִבְדַת כַּפַּיִם.

צִפֳּרִים יְלָדִים!
כָּךְ הַדָּבָר:
בְּאֵין לֵב —
אֲפִלּוּ שִׁיר לֹא יָכֹל לַעֲמֹד
כְּנֶגֶד הַטּוֹב, הָאִישִׁי בְּשׂוֹנְאָיו.

■

נאָך אַזאַ נאָענטקייט
זײַנען מיר אויך פֿאַר דער טיר
געבליבן שטיין
האַלדז אויף נאַקן.
אַזוי שטייען שעהען לאַנג
אייזלען פֿאַרליבטע
מיט שיינע אויגן
און זײַדענע נעז.
ביז אַ ניט־גלייביקער
פֿאַרטרײַבט זיי
מיט שטיין און שטיוול.

אַן אָפֿענער הימל
האָט ניכטער צוגעזען
אונדזער צעגיין זיך.
נאָר ער ווייסט צי האָסט געהויבן דײַן האַנט:
אַ גוטן...

■

לְאַחַר קְרָבָה שֶׁכָּזֹאת
נִשְׁאַרְנוּ עוֹמְדִים
צַוָּאר עַל שֶׁכֶם
גַּם לִפְנֵי הַדֶּלֶת.
כָּךְ עוֹמְדִים שָׁעוֹת עַל שָׁעוֹת
חֲמוֹרִים מְאֹהָבִים
בְּעֵינַיִם יָפוֹת
וְאַפִּים שֶׁל מֶשִׁי.
עַד יְגָרְשֵׁם
בְּאֶבֶן וּמַגָּף
אִישׁ אֵין אֱלֹהַּ בְּלִבּוֹ.

שְׁמֵי פִּכָּחוֹן
פְּתוּחִים
רָאוּ אֶת פֵּרוּדֵנוּ.
רַק הֵם יוֹדְעִים אִם הֵנַפְתָּ יָדְךָ:
לְהִתְ...

■

פאָלג מיך — און שווײַג.
ווערסט ניט דעררײידן.
זע ווי גוט זיי האָבן דיר געענטפערט —
מײַנע צוויי פינגער
און דײַן לינקע באַק.

העלף מיר — איך זוך
די ביינער די דאַרע
פון אייגענע ווערטער,
זיך אין זיי אַרײַנצושווײַגן.
דערנאָך וועלן שפּריצן ענטפערס,
לידער.

קוש מיך — איך וויל
אויסשווײַגן מיט דיר
דעם גאַנצן אמת.
זע ווי גוט זיי האָבן אונדז פאַרשטאַנען —
מײַנע צוויי פינגער
און דײַן לינקע באַק.

■

שְׁמַע לִי — וּשְׁתֹק.
לֹא תַגִּיד עַד כַּלֵּה.
רְאֵה כַּמָּה טוֹב הֵן הֵשִׁיבוּ לְךָ —
שְׁתֵּי אֶצְבָּעַי
וְהַלֶּחִי שֶׁלְּךָ הַשְּׂמָאלִית.

עֲזֹר לִי — אֲנִי מְחַפֶּשֶׂת
אֶת דַּל הָעֲצָמוֹת
שֶׁל מִלּוֹתַי
לְהַשְׁתִּיק אֶת עַצְמִי אֶל תּוֹכָן.
אַחַר־כָּךְ יִהְיוּ מְנֻתָּזִים דִּבְרֵי מַעֲנֶה,
שִׁירִים.

נַשֵּׁק לִי — אֲנִי מְבַקֶּשֶׁת
לִשְׁתֹּק־עַד־כַּלֵּה אִתְּךָ
אֶת כָּל הָאֱמֶת.
רְאֵה כַּמָּה טוֹב הֵן הֵבִינוּ אוֹתָנוּ —
שְׁתֵּי אֶצְבָּעַי
וְהַלֶּחִי שֶׁלְּךָ הַשְּׂמָאלִית.

■

דאָ,
בײַם פוס פון בוים
מײַן אויסגעשטרעקטע האַנט
צו יענע טעג און נעכט
וואָס האַלטן מיך
פאַרקלעמט
אין זייער דלאָניע.

אַזוי ווי מילך — אַ הויכע גלאָז,
אַ ניט־געשריבן ליד,
אַ ווילדן אמת —
ס׳האַלט מיך עמעץ פעסט
מיטביידע הענט.
און איך ווייס ניט:
צי רחמנות בעטן —
צי דעם גורל דאַנקען, דאַנקען.

בײַם פוס פון בוים
מײַן אויסגעשטרעקטער חלום
צו יענע טעג
און נעכט.
איך וואַרט אויף זיי
מיט פולע אויגן
בלומען.

1964

■

פֹּה,
לְמַרְגְּלוֹת הָעֵץ,
יָדַי הַפְּשׁוּטָה
לְאוֹתָם יָמִים וְלֵילוֹת
הַמַּחֲזִיקִים אוֹתִי
קְפוּצָה
בְּאֶגְרוֹפָם.

כְּמוֹ כּוֹס חָלָב גְדוֹלָה,
כְּשִׁיר שֶׁלֹּא נִכְתַּב,
כְּמוֹ אֱמֶת פְּרוּעָה —
מַחֲזִיק בִּי מִישֶׁהוּ הֵיטֵב
בִּשְׁתֵּי יָדָיו.
וְאֵינֶנִּי יוֹדַעַת:
הַאִם לְבַקֵּשׁ רַחֲמִים —
אוֹ אִם לְהוֹדוֹת, לְהוֹדוֹת.

לְמַרְגְּלוֹת הָעֵץ
חֲלוֹמֵי הַמּוּשָׁט
לְאוֹתָם יָמִים
וְלֵילוֹת.
אֲנִי מְחַכָּה לְבֹאָם
בִּמְלֹא עֵינַיִם
פְּרָחִים.

ביי אונדז דער פרילינג

בײַ אונדז
דער פרילינג —
אַ פּאָר טיפּע אָטעמס.
גרין
און גאָלד
און האָניק.
אַ נאָגעניש.
אַ מאָנעניש.
אין איין באַק פּאַטשטט אַ מבול גרינע רעגנס,
אין דער צווייטער פּאַרעט בלוי און זון.
אַ קאַפּריז
אַ נס
אַ רעגן־בויגן:
פרילינג.

אצלנו האביב

אֶצְלֵנוּ
הָאָבִיב —
כַּמָּה בִּשְׂמֵי־עֹמֶק.
יָרֹק
וְזָהָב
וּדְבַשׁ.
מִין נִקּוּר שֶׁבַּלֵּב.
מַשֶּׁהוּ הַמַּפְגִּיעַ.
צְלִיף גְּשָׁמִים יְרֻקִּים בְּאַחַת הַלְּחָיַיִם,
וּבַשְּׁנִיָּה לַהַט שֶׁמֶשׁ וּתְכוֹל.
מִין קַפְּרִיזָה
מִין נֵס
הַצְּבָעִים שֶׁלַּקֶּשֶׁת:
אָבִיב.

■

די נעכט לאָזן ניט שלאָפֿן.
דער צעבליטער סאָד
קומט אַלץ נענטער, זיסער
מיט יעדן ווינטל.
די ביימער
בלײַבן אויף יענער זײַט פֿענצטער.
נאָר עס רוקט זיך אויף אונדז
לײַכטפּיסיק
אַ משוגעת. מײַנע לונגען
האַלטן דעם זיס־שטאָף
ניט אויס.
איך ליג אין דער פֿינצטער
אָן אָטעם,
אָן חלום.
און דערמאָן זיך.

■

הַלֵּילוֹת לֹא נוֹתְנִים עוֹד לִישֹׁן.
הַמַּטָּע הַפּוֹרֵחַ
קָרֵב וְהוֹלֵךְ וּגְדֵלָה מְתִיקוּתוֹ
עִם כָּל נִיעַ שֶׁל רוּחַ.
הָעֵצִים
נִשְׁאָרִים מֵעֶבְרוֹ הַשֵּׁנִי שֶׁל חַלּוֹן.
אַךְ דּוֹחֵק וּמְטַפֵּס לוֹ עָלֵינוּ
בְּרֶגֶל קַלָּה
שִׁגָּעוֹן. רֵאוֹתַי
לֹא עוֹמְדוֹת
בַּחַמְצָן הַמָּתוֹק.
אֶשְׁכַּב לִי בַּחֹשֶׁךְ,
לֹא אֶנְשֹׁם,
לֹא אֶחְלֹם.
וְאָעִיר זִכְרוֹנוֹת.

■

מיט שטרענגער האַנט
און צאַרטע פינגער
שטייען מיר ביַים וויַנשטאָק.
ער האָט זיך שוין פאַרקלעטערט וויַט
און פאָכעט ווילד
מיט קריַיזלעך פינגער.
איַינקניפּן וויל ער זיך
אין הימל,
אין דער פעסטער בלויקייט.
מיט שטרענגער האַנט
און צאַרטע פינגער
גיבן מיר אים צו פאַרשטיין.

און ווידער בין איך אָנגעבלעטערט גרין
פון אַלע זיַיטן.
און ווידער בענק איך גרין
נאָך בלויע תהומען.
און ווידער קריך איך
וווּ מען דאַרף מיך ניט.
צאַרט —
צאַרט בעט איך ביַי איַיך:
גיט מיר צו פאַרשטיין.

■

בְּיָד קְשׁוּחָה
וּבְרֹךְ אֶצְבָּעוֹת
עוֹמְדִים אֲנַחְנוּ לְיַד הַגֶּפֶן.
הִיא כְּבָר הִרְחִיקָה לְטַפֵּס
וּמְנַפְנֶפֶת בְּפְרָאוּת
בְּאֶצְבָּעוֹת מְעֻקָּלוֹת.
רוֹצָה לְהַכָּפֵת
בַּשַּׁחַק,
בַּכְּחוֹל הַמְּיֻצָּב.
בְּיָד קְשׁוּחָה
וּבְרֹךְ אֶצְבָּעוֹת
אָנוּ נוֹתְנִים לָהּ לְהָבִין.

וְשׁוּב אֲנִי עוֹטָה יַרְקוּת עָלִים
מֵעֲבָרַי.
וְשׁוּב אֲנִי נִכְסֶפֶת יְרֻקָּה
אֱלֵי תְּהוֹמוֹת כְּחֻלִּים.
וְשׁוּב אֲנִי נִדְחֶקֶת
לְמָקוֹם אֵין חֵפֶץ בִּי.
בְּרֹךְ —
בְּרֹךְ אַפְצִיר בָּכֶם:
תְּנוּנִי לְהָבִין.

■

צעביסן אינאייבעם די ליפּ
און דאָס ליד.
אַזוי דין — הויט.
לעכערלעך שוואַך די צאַמען
וואָס לאָזן
דעם אמת ניט צו.

אַז דו וועסט עלטער ווערן
זאָלסטו וויסן אַן אונטערשיד
פון דעם ים
מיט אַ מבול דערקוויקן,
ביז אַ שׂרפה אין פלאַמען
דערשטיקן.

אוי מאַמע

■

נָשַׁכְתִּי שְׂפָתַי
וְשִׁירַי — כְּאֶחָד.
כֹּה דַק הָעוֹר.
חַלָּשׁוֹת לְהַצְחִיק הַגְּדֵרוֹת
הַחוֹסְמוֹת
בְּעַד הָאֱמֶת.

כְּשֶׁאַתְּ תִּגְדְּלִי, תִּגְדְּלִי,
שֶׁתֵּדְעִי מַה הֶבְדֵּל הוּא
בֵּין יָם
בְּמַבּוּל לְהַרְווֹת
לִשְׂרֵפָה בִּדְלֵקָה
לְכַבּוֹת.

אוֹי אִמָּא

■

נאָך אַזאַ ווינטער
זײַנען פּרעכטיק
די דערנער.
געזונט, זאַפּטיק
שטייען זיי גרייט צום שטעכן.
מיט אַ באַזונדערע הנאה טוען זיי דאָס.
נאָר די קעפּ זייערע
פֿון ווייכסטן זײַד,
פֿון פּורפּלען.
די קעפּ באַווײַזן ניט
ווײַס ווערן.
פֿלײַסיקע פֿייגל פֿעדערן זיך
מיט פּורפּלנעם פּוך
די נעסטן אויסבעטן.

דערנער
שטאָלצע
בלײַבן ניט־צורירלעך.
קײַן סימן ווייכקײַט. די היצן
וועלן אַ גאַנצן זומער
אויף זיי הענגען.
צעווייטיקטע
וועלן זיי איינעם דעם אַנדערן
שטעכן — שטעכן.

■

אַחֲרֵי חֹרֶף כָּזֶה
גִּבְעוֹלִים
הַקּוֹצִים,
בְּרִיאִים, עֲסִיסִיִּים
עוֹמְדִים נְכוֹנִים לִדְקֹר.
בְּמִשְׁנֶה הֲנָאָה יַעֲשׂוּ זֹאת.
רַק רָאשֵׁיהֶם
מִן הַמֶּשִׁי הָרַךְ בְּיוֹתֵר,
הָאַרְגְּמָנִי.
הָרָאשִׁים אֵינָם מַסְפִּיקִים
לְהַלְבִּין.
צִפֳּרִים חֲרוּצוֹת מַשְׁכִּימוֹת לְהַצִּיעַ
בִּפְלוּמַת אַרְגָּמָן
אֶת הַקִּנִּים.

הַקּוֹצִים
הַגֵּאִים
נוֹתָרִים בְּנֵי אַל־גַּעַת.
אֵין כָּל סִמָּן שֶׁל רֹךְ. חֹם וְשָׁרָב
בְּמֶשֶׁךְ כָּל הַקַּיִץ
יִהְיוּ תְּלוּיִים עַל צַוְּארֵיהֶם.
רְווּיֵי כְּאֵב
זֶה אֶת זֶה יַפְלִיאוּ
לִדְקֹר — לִדְקֹר.

■

פון אַלע בלויע הימלען
זײַנען דײַנע ברוינע אויגן
די בלויסטע.

פון אַלע גרינע ווײַטן
איז דײַן בלייכער האַלדז
דער נענטסטער.

פון אַלע זונען
איז דער זומער
הייסבליקיק
קילליפּיק
ברוינהויטיק
האַרטנעקיק
גאָלדן
זיס.

■

מִכָּל הָרְקִיעִים הַכְּחֻלִּים
הֲלֹא עֵינַיִךְ הַחוּמוֹת
הֵן הַכְּחֻלּוֹת.

מִכָּל הַמֶּרְחַקִּים הַיְּרֻקִּים
הֵן צַוָּארֵךְ זֶה הַחִוֵּר
הוּא הַקָּרוֹב.

מִכָּל הַשְּׁמָשׁוֹת
הֵן הַקַּיִץ הַזֶּה
חַם מַבָּט
לַח שְׂפָתַיִם
שְׁחוּם עוֹר
קְשֵׁה עֹרֶף
זָהֹב
מָתוֹק.

■

דאָ
אין ווינקל־עק פון צוויי פעלדזן,
אָפּגעזונדערט,
שטיל,
באַק צו באַק
מיט אַ פרימאָרגן־שעה.
דער פעלדז דער צווייטער
האַקט אָפּ
דעם בליק צום עמק.
צו פרײַנד
און היים.
קיל דאָ
ליגן אויף דער פלייצע
מיט קאָפּ אין ווינקל־שאָטן.
ס'ווילט זיך ניט אַרויס פון דרײַעק:
הימל,
דערנער,
צעאַקערטער האָריזאָנט.

אויפגעפינקלט
האָבן אַלע ווינקלעך שלווה
ווען די זון
מיט הייסער לאָגיק
האָט פאַרכאַפּט דעם אויבן־אָן.

■

פֹּה
בְּקֶרֶן שְׁנֵי צוּקִים,
בְּנִפְרָד,
בְּשֶׁקֶט,
לֶחִי אֶל לֶחִי
עִם שָׁעָה שֶׁל בֹּקֶר.
זֶה הַצּוּק הַשֵּׁנִי
קוֹטֵם
אֶת הַמַּבָּט לָעֵמֶק.
לִידִידִים
וּבַיִת.
קָרִיר פֹּה
לִשְׁכַּב עַל הַגַּב
כְּשֶׁהָרֹאשׁ בְּקֶרֶן שֶׁל צֵל.
אֵין חֵשֶׁק לָצֵאת מִן הַמְּשֻׁלָּשׁ:
שָׁמַיִם,
קוֹצִים,
אֹפֶק חָרוּשׁ.

נִדְלְקוּ
כָּל קַרְנוֹת הַשַּׁלְוָה
כְּשֶׁהַשֶּׁמֶשׁ
בְּהִגָּיוֹן שֶׁל לַהַט
תָּפַשׂ אֶת הָרָשׁוּת.

אַ בלויער, בלײַבט דער הימל
באַלאַנסירט
אויף שפּיץ־דערנער.
פֿרילינגדיק־צעאַקערט מײַן געמיט
און גרייט:
פֿאַרן זומער,
פֿאַרן מאָרגן.

1965

כָּחֹל נִשְׁאָר הַשַּׁחַק
שָׁקוּל
עַל קְצֵה הַקּוֹץ.
לִבִּי פָּלוּחַ אֲבִיבִית,
נָכוֹן
לְבוֹא הַקַּיִץ,
לַמָּחָר.

דער יורה

שמאָלע פּלייצעס
האָט דער יורה.
און דאָך
שמייכלען אים אַלע נאָך.
די מענער קלאַפּן אים פֿרײַנדלעך
אויף זײַן דינעם רוקן.
קינדער לויפֿן —
ווילן אָנרירן זײַן גרוי העמד.
ער גיט איין בליק
מיט זײַנע פֿייכטע אויגן
און גייט ווײַטער.
ס׳אַרע שמאָלע פּלייצעס ס׳האָט דער יורה!

1960

היורה

כְּתֵפַיִם נְפוּלוֹת
יֵשׁ לַיּוֹרֶה.
וּבְכָל זֹאת
מְחַיְּכִים אֵלָיו בְּחֵן.
גְּבָרִים טוֹפְחִים עַל דַּק שִׁכְמוֹ
בִּידִידוּת.
יְלָדִים אָצִים —
רוֹצִים לִנְגֹּעַ בִּכְסוּתוֹ הָאֲפֹרָה.
וְהוּא מַפְזִיל
בְּמַבָּטוֹ זֶה לַח הָעַיִן
וּמַמְשִׁיךְ לָלֶכֶת.
אֵיזֶה כְּתֵפַיִם נְפוּלוֹת יֵשׁ לַיּוֹרֶה!

איינער דעם אנדערן

מיר האָבן זיך הײַנט
איינער דעם אַנדערן
אויסגעמאַטערט —
די זון און איך.
מיר אַרבעטן ביידע
אין ווײַנגאָרטן.
פאַר נאַכט איז די זון
אַוועקגעפאַלן הינטערן באַרג,
רויט פון אָנשטרענג —
און איך, אַ פאַרפלאַמטע,
בין פאַרבליבן אַליין.

יאָ, מיר האָבן זיך הײַנט
אַ ביסל צעהיצט —
די זון
און איך.

1958

איש את רעהו

הַיּוֹם
כֹּה הוּגַעְנוּ אִישׁ אֶת רֵעֵהוּ —
אֲנִי וְהַשֶּׁמֶשׁ.
עוֹבְדִים אָנוּ שְׁנֵינוּ
בַּכֶּרֶם.
עִם בֹּא שְׁעַת־עֶרֶב
צָנַח לוֹ הַשֶּׁמֶשׁ מֵעֵבֶר לָהָר,
אָדֹם מֵעִקְשׁוּת־מַאֲמָץ —
וַאֲנִי, מְשֻׁלְהֶבֶת,
נוֹתַרְתִּי לְבַד.

כֵּן,
הַיּוֹם בְּמִקְצָת הִתְלַהַטְנוּ —
אֲנִי
וְהַשֶּׁמֶשׁ.

■

זאָלסט זיך תמיד מיִען
פולע עמערס ציִען
פונעם ברונעם דײַנע טעג.
און ווי יונג דו זאָלסט ניט ווערן,
און כאָטש שטומפּיק איז דײַן קלערן,
זאָל דיר תמיד ליבער זײַן —
צו פֿאַרשפּילן אויף אַן אמת
איידער אין אַ שפּיל — דער זיג.
זיי אַן עקשן,
שפּאַר זיך אײַן,
גיי נאָך דײַן ווילן שפּאַן נאָך שפּאַן.
פֿאָדער אַלץ. נעם פֿריִער אין מויל —
דערנאָך אין קעשענע.
באַריר, באַשמעק.
גיי ניט אַוועק
ביז טעם פֿון זאַלץ
איז טאָקע זאַלץ.
יאָ, פֿאָדער אַלץ
פֿון דײַנע טעג.
צו געלעכטער כאַפּ זיך צו,

■

הִתְאַמְּצִי עַד כְּלוֹת
מְלֹא דְלָיִים לִדְלוֹת
מִבְּאֵר יָמַיִךְ.
וְכַמָּה שֶׁלֹּא תַרְבֶּה צְעִירוּתֵךְ,
וַהֲגַם קֵהָה־קֵהָה זוֹ מַחְשַׁבְתֵּךְ,
שֶׁתָּמִיד יִהְיֶה יָקָר לָךְ
לְהַפְסִיד „עַל־בֶּאֱמֶת"
מִלִּזְכּוֹת בְּעֵת מִשְׂחָק.
הִתְעַקְּשִׁי,
עָרְפֵּךְ הַקְּשִׁי,
אַחַר חֶפְצֵךְ לְכִי צַעַד צַעַד.
דִּרְשִׁי הַכֹּל. תְּחִלָּה קְחִי אֶל הַפֶּה —
אַחַר לַכִּיס.
הָרִיחִי, מַשְּׁשִׁי.
אַל נָא תָּסוּרִי עַד יוּכַח
כִּי טַעַם מֶלַח —
מֶלַח מַמָּשִׁי.
אָכֵן הַכֹּל דִּרְשִׁי
מִן הַיָּמִים שֶׁלָּךְ.
דִּבְקִי בַּצְּחוֹק,

פון אַלע פרײַנד — דער בעסטער.
מיט געלעכטער טייל דײַן סוד:
געלעכטער — זײַ מײַן שוועסטער!
האַק אויס די ציין —
אַבי דערזאָגן ווי מען דאַרף.
צעברעך די פיס —
אַבי דערגיין.
האָב פײַנט דעם שקלאַף
און זײַן געוויין.

נאָר פאָרזיכטיק, נשמהלע,
איך וויל נאָך עפּעס זאָגן.
ניט שטענדיק קען מען פאָדערן,
ניט תמיד זאָלסטו יאָגן.
ווען ס׳וועט „גליק״
זײַן בײַ דיר אַ גאַסט —
בײַס אײַן די ליפּ.
שלעפּ אים ניט בײַם אַרבל,
פּאַל אים ניט צו לאַסט.
ווען ס׳וועט די ליבע,
אַ וואַרעמער נס,
שלאָפן בײַ דיר אין די האָר —

מִן הַיְדִידִים כֻּלָּם — הַמְשֻׁבָּח.
חֶלְקִי עִמּוֹ סוֹדֵךְ:
צְחוֹקִי, הֱיֵה לִי אָח.
שִׁבְרִי שִׁנַּיִךְ —
אַךְ הַגִּידִי כָּרָאוּי וְעַד כַּלֵּה.
שִׁבְרִי רַגְלַיִךְ —
אַךְ הַגִּיעִי.
שְׂנְאִי לָעֶבֶד
וּלְבִכְיוֹ.

אֲבָל לְאַט לָךְ, נִשְׁמָתִי,
עוֹד יֵשׁ דְּבַר־מָה עִמִּי.
לֹא לְעוֹלָם אֶפְשָׁר לִדְרֹשׁ,
אַל תִּדְהֲרִי תָּמִיד.
עֵת כִּי אֵלַיִךְ, כְּאוֹרֵחַ,
אֲשֶׁר יִהְיֶה סָר —
שְׁפָתֵךְ בְּשִׁכְּי.
בְּשַׁרְווּלוֹ אַל תִּמְשְׁכִי,
אַל תִּהְיִי עָלָיו מַעֲמָסָה.
עֵת כִּי הָאַהֲבָה,
הַנֵּס הַחַם,
רְדוּמָה בְּתַלְתַּלַּיִךְ תִּשְׁתַּכֵּן —

צי איר ניט בײַם אויער,
פרעג ניט צי ס'איז וואָר.
מאַך ניט קיין געוואַלד,
ברעך ניט אײַן די טיר.
אויגן צו דער ערד.
קינד, מײַן קינד.
וועסט פאַרזוכן בלויז
וואָס ס'איז דיר באַשערט.

■

אויף טרערן דאַרף מען דאָך אַ סיבה,
נאָר לאַכן
לאַכסטו אַליין.
אין דער פרי — ווײַל ס'איז פרימאָרגן,
אין אָוונט — ווײַל עס קומט די נאַכט.
אויף טרערן דאַרפסטו אָפּגעבן אַ חשבון.
(וואָס וויינסטו, וואָס וויינסטו, מײַן קינד?)
נאָר דײַן לאַכן מעג זײַן הפקר,
מעג זײַן הפקר ווי אַ ווינט.

1958

פון „לידער צו מײַן געבורטסטאָג"

אַל תַּמְשִׁיכִיהָ בְּאָזְנָהּ,
אַל תִּשְׁאֲלִי הֲיִתָּכֵן.
אַל נָא תָּקִימִי זְעָקָה,
אַל תִּשְׁבְּרִי הַדֶּלֶת.
הַשְׁפִּילִי הַמַּבָּט.
יַלְדָּה, יַלְדָּה.
בֵּין כֹּה תִהְיִי טוֹעֶמֶת
רַק מַה שֶּׁלָּךְ נוֹעַד.

■

הֵן לִדְמָעוֹת צָרִיךְ סִבָּה,
אֲבָל לִצְחוֹק
צוֹחֶקֶת אַתְּ לְבַד.
בַּבֹּקֶר — כִּי הַשְׁכֵּם בַּבֹּקֶר,
בָּעֶרֶב — כִּי הַלַּיְלָה בָּא.
עַל הַדְּמָעוֹת צָרִיךְ לִמְסֹר חֶשְׁבּוֹן
(מַדּוּעַ תִּבְכִּי, יַלְדָּתִי, מַדּוּעַ?),
אֲבָל צְחוֹקֵךְ יָכֹל לִהְיוֹת הֶפְקֵר,
יָכֹל לִהְיוֹת הֶפְקֵר כָּרוּחַ.

מתוך „שירים ליום הולדתי"

*

מאַמע,

איך קען ניט אײַנשלאָפֿן.

נעם דעק מיך גוט אײַן

מיטן וואָרט „היים".

איך קען, מאַמע, ניט אײַנשלאָפֿן.

טאַטע,

מיט פּאַסיקער ערנסטקייט

האָסטו פּאַר מײַנע קינדעריש שטומפּיקע פֿינגער

אַנטדעקט ווי אַזוי

די שיך־בענדלעך פֿאַרבינדן.

ניט צו דערקענען איצטער מײַנע פֿיס.

איך יאָג זיך נאָך זיי אַ גאַנצן טאָג.

טאַטעניו־מאַמעניו —

דעם זומער

האָבן אין די היצן

אַלע מײַנע זיכערקייטן געציטערט.

ווען האָב איך געזאָלט דערציילן

אויב ניט אײַך?

אַלעמען וואָלט איך דערציילט —

נאָר ניט אײַך.

1955

*

אִמָּא,
נוֹדֶדֶת שְׁנָתִי.
אָנָּא כַּסִּינִי הֵיטֵב
בַּמִּלָּה הַחַמָּה „בַּיִת".
נוֹדֶדֶת, אִמָּא, שְׁנָתִי.

אַבָּא,
בִּרְצִינוּת כַּיָּאוֹת
גִּלִּיתָ
לָאֶצְבָּעוֹת שֶׁלִּי הַדֶּבִּיּוֹת־יַלְדוּתִיּוֹת
אֵיךְ לִקְשֹׁר אֶת הַשְּׂרוֹךְ שֶׁבַּנַּעַל.
אֵין לְהַכִּיר עוֹד עַכְשָׁו אֶת רַגְלַי.
יוֹם תָּמִים רוֹדֶפֶת אֲנִי אַחֲרֵיהֶן.

אוֹי אַבָּא־אִמָּא —
הַקַּיִץ הַזֶּה
כָּל וַדָּאוּת אֲשֶׁר לִי
רָעֲדָה בְּרוּחוֹת הַשָּׁרָב.
לְמִי יָכֹלְתִּי לְסַפֵּר זֹאת
אִם לֹא לָכֶם?
לַכֹּל הָיִיתִי מְסַפֶּרֶת —
רַק לֹא לָכֶם.

ווי א מילגרוים

איך בין פול —
ניט מיט מצוות:
ווי אַ מילגרוים —
מיט אַפּעטיטן.
און אָט־אָט־אָט פּלאַצט
פון אונטער מײַן הויט
אַ רויט געלעכטער
אַרויס.

אַ בין
קען פון זשומען אַראָפּ
אויס קנאה:
אַלע קעמערלעך בײַ מיר אין האַרצן
זײַנען אָנגעגאָסן
מיט זאַפט, מיט ליכט —
געדיכט, געדיכט.
פרייד
שיכט אויף שיכט.

כרמון

אֲנִי מְלֵאָה —
לֹא מְצֻוּוֹת:
כְּרִמוֹן —
תֵּאָבוֹן עַל גַּב תֵּאָבוֹן.
וְהִנֵּה כִּמְכִּמְעַט
וּבְעַד עוֹרִי
צְחוֹק אָדֹם יִתְפּוֹצֵץ
וְיִפְרֹץ.

דְבוֹרָה

תְּזַמְזֵם בְּתְזָזִית
מְקַנְאָה:
כָּל תָּא וְתָא בִּלְבִי
אוֹר וְעָסִיס
רָוֶה —
סְמִיכִים, סְמִיכִים.
שְׂמָחוֹת
שִׁכְבָה עַל גַּב שִׁכְבָה.

און איך מעסט זיי ניט מיט מאָסן,
און איך פֿרעג ניט קיין פֿאַרוואָסן.
גאָלע פֿריידן
דײַן געזיכט,
שיכט אויף שיכט.

טאָמער בלײַב איך אַזוי
נאָך איין מינוט,
פֿראַלט אויף אַ פֿענצטער
אין מײַן בלוט —
„גוט־מאָרגן"
וועל איך שרײַען.
איין איבעריקער טראָפּן זונגליק —
און די מילגרוימען האַלטן אויך ניט אויס.
סאַרא רויטע ציינער!
סאַרא רויט אומגליק!

תרי"ג זיסע עבירות,
תרי"ג זאַפּטיקע פֿריידן
קלײַב איך מיט די פּירות.
קלײַב איך —
פֿאַר אונדז ביידן.

1960

וְאוֹתָן אֵינִי שׁוֹקֶלֶת,
וְשׁוּם לָמָּה לֹא שׁוֹאֶלֶת.
רַק חֶדְוָה,
חֲזוּתְךָ —
שִׁכְבָה עַל גַּב שִׁכְבָה.

אִם אֶשָּׁאֵר כָּךְ,
וְלוּ כְּדֵי אַרְגִּיעַ,
חַלּוֹן
בְּתוֹךְ דָּמִי יַפְצִיעַ —
„בֹּקֶר טוֹב"
אֶהְיֶה צוֹעֶקֶת.
עוֹד טִפְטִפָּה שֶׁל עֲסִיסוֹן —
וְגַם הָרִמּוֹנִים לֹא יַחֲזִיקוּ מַעֲמָד.
אֵיזֶה שְׁנַיִם אֲדֻמּוֹת!
אֵיזֶה אַדְמוּת אָסוֹן!

תַּרְיַ"ג מִגְדֵּי עֲבֵרוֹת,
תַּרְיַ"ג עֲסִיסֵי שִׂמְחָה
אוֹרָה אֲנִי עִם הַפֵּרוֹת.
אוֹסֶפֶת —
לִי וּלְךָ.

אויפן וועג אהיים

פרעמדע בערג

מײַנע לידער נידערן ווי שנייען.
ס׳איז מײַן האַרץ שוין אײַזיק־פול
און שטיל.
גרין
שוימען די ברעגן
פון זײַן בלויען שמיכל.

גיכער.
איצט די גוטע צייט.
איצט אַ בלויע אָזערע אין האַרצן.

טאָמער ווער איך בלינד ?
טאָמער ברוינע בלאָטע־פלעקן ?
טאָמער וועלן נײַקייטן ניט נידערן
מיט אַ שוימיק־גרינעם הירזשען ?

בדרך הביתה

הרים זרים

שִׁירַי יוֹרְדִים כַּשֶּׁלֶג.
וּכְבָר לִבִּי מְלֵא קֶרַח
וְשָׁקֵט.
יָרֹק
קוֹצְפִים חוֹפָיו
בִּתְכֵלֶת חִיּוּכוֹ.

יוֹתֵר מַהֵר.
עַכְשָׁו הַזְּמָן הַטּוֹב.
עַכְשָׁו מַכְחִיל אֲגַם בַּלֵּב.

וְשֶׁמָּא אֶתְעוֹרֵר?
וְשֶׁמָּא כִּתְמֵי בּוֹץ חוּמִים?
וְשֶׁמָּא לֹא יָרְדוּ מֵעַל דְּבָרִים שֶׁאַךְ נוֹלְדוּ
בְּצַהֲלָה שֶׁל קֶצֶף יְרֻקָּה?

■

מײַנע בלוטן שמעלצן זיך ווי שנייען.
ס׳איז איין האַרץ
צו קליין.
ווי אַ ווילדער ליגן,
ווי אַ בייזער וויץ —
האָב איך זיך פֿאַרפּלייצט מיט אמת.
שוואַך און טרוקן
זוכן
מײַנע וויסנס און געוויסנס
מיך אַרום.

פֿאַרגעסענע פֿרײַנד וועלן הײַנט פֿון מיר חלומען.
אומרויִק צינדן זיך ליכט.

■

דָּמַי כַּשֶּׁלֶג נְמֵסִים.
הֵן לֵב אֶחָד
קָטָן מִדַּי.
כְּשֶׁקֶר פָּרוּעַ,
כְּמַהֲתַלָּה רָעַת לֵב —
הֵצַפְתִּי עַצְמִי אֲמִתּוֹת.
חַלָּשִׁים וִיבֵשִׁים
צְפוּנוֹתַי וּמַצְפּוּנַי
מְחַפְּשִׂים אַחֲרַי
סָבִיב.

יְדִידִים נִשְׁכָּחִים יַחְלְמוּנִי הַיּוֹם.
אוֹרוֹת נִדְלָקִים בְּאֵין שֶׁקֶט.

■

אַבערגלויבנס טאַפּן מיך בײַם האַרצן
און אַנטלויפן
חסר דעה.
פּערפּעקטע טרערן,
גרינע לאָקן
גוססן אונטער די פיס.
מײַנע פּולסן און אימפּולסן
הירזשען הייס.

לאָזט דורך! לאָזט צו!

עס בלויט בײַ מיר
אַן אָזערע, אַן אמתע, אין האַרצן.

■

אֱמוּנוֹת שֶׁל הֶבֶל אֶת לִבִּי יָמוּשׁוּ,
יִמָּלְטוּ
חַסְרוֹת דֵּעָה.
דְּמָעוֹת מְשֻׁלָּמוֹת,
תַּלְתַּלִּים יְרֻקִּים
גּוֹסְסִים תַּחַת רַגְלַי.
כָּל הָלְמֵי דָּפְקִי וּדְחָפַי
צוֹהֲלִים חַמִּים.

תְּנוּ לַעֲבֹר! תְּנוּ לָגֶשֶׁת!

אֲגַם מַכְחִיל בִּי פְּנִימָה,
אֲמִתִּי, בְּתוֹךְ הַלֵּב.

אויף דער שיף

אַלע בליקן
הוידען זיך מיט דער לבנה.
שרעק און פּלענער
הייבן זיך —
און פֿאַלן.

עס בלייכט אויף מײַן שטערן
אַ זאַלצענער צייכן:
כ'האָב אַ ניט־געבוירענעם
פֿאַרשטויסן.

דער ים האָט זײַן אייגענעם
זאַלציקן הימל.
אַ הימל אָן שולד.
דער דנאָ — אָן רחמנות.

אַלע זינענס און אומזינענס,
אַלע מע־טאָר־ניטן,
הייבן זיך —
און פֿאַלן.

בליקן. ווערטער. ציין.

על האניה

כָּל הַמַּבָּטִים
מִתְנַדְנְדִים עִם הַיָּרֵחַ.
תָּכְנִיּוֹת וָפַחַד
מַגְבִּיהִים —
וְנוֹפְלִים.

מַחֲוִיר עַל מִצְחִי
אוֹת מֶלַח:
הִדְחַקְתִּי
אֶת הַלֹּא־נוֹלָד.

לַיָּם
שְׁמֵי הַמֶּלַח
שֶׁלּוֹ.
שָׁמַיִם חַסְרֵי אַשְׁמָה.
תַּחְתִּית חַסְרַת רַחֲמָנוּת.

כָּל הַשִּׁפְיוֹנוֹת וְאִי־הַשִּׁפְיוֹנוֹת,
כָּל הַלָּאוִין
מַגְבִּיהִים —
וְנוֹפְלִים.

מַבָּטִים. מִלִּים. שָׁנִים.

■

אין די העלסטע מינוטן
אָטעם איך קוים, קוים.
און מיט פאַרמאַכטע אויגן,
ווי ביַי פליענדיקע פיש,
— קום איך אַלץ נענטער
העכער.

פאַר וואָס איז פרייד אַזוי שטום?

אויף זילבערנע גליק־זילבן,
ווי אויף שופּן פון פיש,
גליטשט זיך מיַין האַרץ.

1962

■

בָּרְגָעִים הַבְּהִירִים בְּיוֹתֵר
כִּמְעַט וְאֵינֶנִּי נוֹשֶׁמֶת.
וּבַעֲצִימַת עֵינַיִם,
כְּמוֹ אֵצֶל הַדָּגִים הַמְעוֹפְפִים,
קְרֵבָה אֲנִי —
מַגְבַּהַת.

מַדּוּעַ הַשִּׂמְחָה כָּל־כָּךְ אִלֶּמֶת?

עַל הֲבָרוֹת שֶׁל אשֶׁר מְכֻסָּפוֹת,
כְּמוֹ עַל קַשְׂקֶשֶׂת דָּג,
מַחֲלִיק לִבִּי.

הימל צווישן גראזן

שוואַרצע רעגנס,
גרויע נעכט,
נאָר
בײַ מיר
און בײַם גלבוע
איז גרין אויף דער נשמה.
גרין און גוט.

די זעלבע רויטע ליפּן,
דער זעלבער רויטער סוד.
אַ מאַנדלבוים,
אַ בליִענדיקער חלום.
אין דער זון, נאָכן רעגן —
שײַנען באַקן,
פעלדזן בליאַסקען.

שוואַרצע רעגנס,
גרויע נעכט.
מיר טראָגן זיך אַרום מיט אַ ליד
צווישן די ציין —
אַ צווײַגל ראָז,
פאַרלאַנגען.

שמים בעשב

גְשָׁמִים שְׁחוֹרִים,
לֵילוֹת מַאֲפִירִים.
רַק לִי
וְלַגִלְבֹּעַ
יָרֹק עַל הַנְשָׁמָה.
יָרֹק וְטוֹב.

אוֹתָן שְׂפָתַיִם אֲדֻמּוֹת,
אוֹתוֹ הַסּוֹד הָאַדְמוֹנִי.
עֵץ הַשָּׁקֵד,
תִּפְרַחַת שֶׁל חֲלוֹם.
בַּשֶּׁמֶשׁ, לְאַחַר הַגֶּשֶׁם —
זוֹרְחוֹת הַלְחָיַיִם,
סְלָעִים מִתְנוֹצְצִים.

גְשָׁמִים שְׁחוֹרִים,
לֵילוֹת מַאֲפִירִים.
נָסֹב עִם שִׁיר בֵּין הַשִּׁנַּיִם —
גִּבְעוֹל וָרֹד,
תְּשׁוּקוֹת.

■

עס רעגנט אַרײַן דורכן פענצטער.
מיט אָוונט,
מיט בוים
און מיט גליק.
דו צינדסט אָן דעם לאָמפּ
און עס כוואַליעט
מיט ליבע ווי ליכט אונדזער שויב.

■

נוֹטֵף בַּחַלּוֹן
הָעֶרֶב,
הָעֵץ,
הָאשֶׁר.
אַתָּה מַדְלִיק מְנוֹרָה
וְשִׁמְשַׁת חַלּוֹנֵנוּ
גוֹאָה אַהֲבָה כָּאוֹר.

■

ווי האַרץ־קלעפּ
האָבן דונערס זיך געקײַקלט
באַרג־אַראָפּ.
הייזעריקע פייגל זיצן אויף דיביימער
ווי אַ לעצטע האָפענונג
און שווײַגן.
עס בליצט פאַרויס אַ שרעק —
סוף־וועלט! אַן עק!
דער הימל ליגט
באַהאַלטן צווישן גראָזן.

ביז בײַ דינערס געפּאַנגענע,
פאַרשפּאַרטע אין שווערע זעק,
שטילן זיך די בלוטן —
שמעקט שוין אַלץ מיט רעגן.

דער רעגן רויִק רעגנט.
עמעצן וויל ער אײַנרעגן:
„מיט גוטן. נאָר מיט גוטן.״

■

כְּהַלְמוּת שֶׁל הַלֵּב
דִּרְדּוּרֵי רְעָמִים
בַּמִּדְרוֹן.
צִפֳּרִים שֶׁהִצְרִידוּ יוֹשְׁבוֹת עַל עֵצִים
כְּתִקְוָה אַחֲרוֹנָה
וְשׁוֹתְקוֹת.
פַּחַד מַבְזִיק מִתְנוֹצֵץ —
סוֹף הָעוֹלָם! הַקֵּץ!
הַשָּׁמַיִם
מִתְחַבְּאִים בְּתוֹךְ הָעֵשֶׂב.

עוֹד בִּרְעָמִים כְּלוּאֵי שֶׁבִי,
סְגוּרֵי שַׂקִּים כְּבֵדִים,
רוֹגְעִים וְהוֹלְכִים הַדָּמִים —
וְהַכֹּל כְּבָר מֵרִיחַ גֶּשֶׁם.

הַגֶּשֶׁם קוֹלֵחַ שָׁלֵו,
הוּא רוֹצֶה מָאן־דְּהוּא לְמוֹגֵג
„בְּטוֹב. רַק בְּשֶׁפִי וְנַחַת.”

שטיל דער באַרג.
פֿון איין זײַט מויל
רינט ברוין בלוט
צום טאָל אַראָפּ.

דער הימל צווישן גראָזן שטראַלט.
פֿאַרגעסן אַלץ. אויך די ריכטונג
פֿון גן־עדן.

1963

הָהָר שָׁקֵט.
מִזָּוִית פִּיו
נוֹזֵל דָּם חוּם
לָעֵמֶק.

וְהַשָּׁמַיִם שֶׁבָּעֵשֶׂב זוֹהֲרִים.
נִשְׁכַּח הַכֹּל. גַּם הַכִּוּוּן
שֶׁל גַּן־הָעֵדֶן.

מעת-לעתן

א

שוין
אַדורך
און פֿאַרבײַ
אַזוי פֿיל
מידע שטומע מאָגערע
קאַראַוואַנען
די נאַכטיק־אָפֿענע
מידבּרס פֿון מײַן האַרץ.
קוים
אַ גלעקל אין זכּרון.
אַ שטערן פֿאַרשווינדט.
קלינג.
אומשולדיק־ראָז ווי באַשלוס
פֿרימאָרגן דער הימל
איבער ווילד־אָפֿענע שטרעקעס.

דאָך:
ס׳בלײַבן אויגן —
לאַסטפֿערד געניטע.
געפּענטעט בײַ פּלויטן־אָוונט
פֿון ניכטערע היימען,
פֿון פֿעלדער פֿון פּעטע,
פֿון פֿרייד — און פֿון טרערן.

ימְמוֹת

א

כְּבָר
שַׁיָּרוֹת
רַבּוֹת כָּל־כָּךְ
מְיֻגָּעוֹת אִלְּמוֹת שְׁחוּפוֹת
עָבְרוּ
חָלְפוּ
אֶת מִפְלְשֵׂי הַלַּיִל
שֶׁל מִדְבְּרוֹת לִבִּי.
בְּדַל זִכָּרוֹן
שֶׁל פַּעֲמוֹן.
כּוֹכָב בָּגוֹז.
הֵד צְלִיל.
וְרֻדִּים, חַסְרֵי אַשְׁמָה כְּהַחְלָטָה,
פְּנֵי הַשָּׁמַיִם לְעֵת שַׁחַר
עַל פֶּרֶא־עֲרָבוֹת מְפֻלָּשׁוֹת.

בְּכָל זֹאת:
נִשְׁאָרוֹת עֵינַיִם —
סוּסוֹת מַשָּׂא מְאֻלָּפוֹת.
קְשׁוּרוֹת אֶל מַעֲקוֹת הָעֶרֶב
שֶׁל מִשְׁכָּנוֹת מְפֻכָּחִים,
שֶׁל שָׂדוֹת מְנִיבִים וּדְשֵׁנִים,
שֶׁל שְׂמָחוֹת — וְשֶׁל דְּמָעוֹת.

ב

לויטער, גרינג, אויסגעצוואָגן,
לאָז איך זיך גרויס־לבנהדיק
דיר אַנטקעגן.
ערנסט און ערב יום־טובדיק.
איך לאַך ניט. איך לויף ניט.
טאָמער אַ טעות
אַ מעסער
אַ טרער
האָט דיך פֿאַרהאַלטן
באַהאַלטן פֿון מיר.

וואָלקנס באַגלייטן מיך.

ב

זַכָּה, קַלָּה, חֲפוּפַת שְׂעָרוֹת,
יוֹצֵאת אֲנִי כְּיָרֵחַ מָלֵא
לִקְרָאתְךָ.
רְצִינִית וְאוֹמֶרֶת חַג.
אֵינֶנִּי צוֹחֶקֶת. אֵינֶנִּי אָצָה.
שֶׁמָּא טָעוּת
סַכִּין
דִּמְעָה
עָצְרוּ בַּעַדְךָ,
הִסְתִּירוּךָ מִמֶּנִּי.

עֲנָנִים מְלַוִּים אוֹתִי.

ג

ווען דו קאָנסט מיך כאַפּן
מיט געניטע וואָרט —
וואָלט אונדז ביידע קלאָרער געוואָרן.
נאָר אַז דײַן קומען
איז אַן אַוועקזײַן
בלײַבן מיר צוזאַמען
די אומגעניטקייט אַליין.
דײַנע ליפּן —
אַ מעסער
מיט אַ רעגן־בויגן.

און ווידער ווערט אַלץ הייס־פּאַרוואָלקנט
און דו זוכסט מיך
מיט
די
ליפּן.

ג

אִלּוּ יָכֹלְתָּ לְתָפְשֵׂנִי
בְּמִלָּה מְדֻיֶּקֶת —
הָיָה לְשְׁנֵינוּ אָז יוֹתֵר בָּרוּר.
אֲבָל כְּשֶׁבֹּאֲךָ
הוּא הֶעָדְרוּת,
מְהַוִּים אָנוּ יַחַד
אֶת אִי־הַדִּיּוּק בְּעַצְמוֹ.
שְׂפָתֶיךָ —
סַכִּין
עִם קֶשֶׁת בֶּעָנָן.

וְשׁוּב הוֹפֵךְ הַכֹּל חַם־מְעֻנָּן
וְאַתָּה מְחַפְּשֵׂנִי
בְּ
שְׂפָ
תֶיךָ.

ד

כ׳לויף ·

און האָב הנאה פון מײַן פלינקייט.

פון שײַנעם וועג,

פון בליקן הייסע,

גוטע פרײַנד.

כ׳לויף.

און עס קריכן נאָך די יאָרן.

לאַנגזאַם

פון איין שיידוועג צום צווייטן.

איך פּאָרויס —

און זיי! העט ווײַט

מיר הינטערשטעליק.

ווי אַזוי זשע

האָט פּאַסירט

אַז הײַנט בײַ דער אַרבעט,

בײַם בוים

(איך מוז אַלץ פּינקטלעך דערציילן),

בײַם שנײַדן אַ צווײַג,

זאָל די זעג —

ד

אֲנִי רָצָה
וְיֵשׁ לִי הֲנָאָה מִזְרִיזוּתִי.
מִיפִי הַדֶּרֶךְ,
מִמַּבָּטִים חַמִּים,
מִידִידִים טוֹבִים.
אֲנִי רָצָה.
וְהַשָּׁנִים מִזְדַּחֲלוֹת.
לְאַט
מִפָּרָשַׁת דְּרָכִים אַחַת אֶל הַשְּׁנִיָּה.
אֲנִי קָדִימָה —
וְהֵן! אֵי־שָׁם
מֵאֲחוֹרַי.

אֵיךְ זֶה
קָרָה
לְעֵת עֲבוֹדָתִי הַיּוֹם
בָּעֵץ
(אֲנִי מֻכְרָחָה לְסַפֵּר הַכֹּל בְּדִיּוּק),
כְּשֶׁגָּזַמְתִּי עָנָף,
כִּי זֶה הַמַּשּׂוֹר —

די זעג פֿון מײַן רעכטער האַנט צוגעהאַלטן —
אַ שפּרינג טאָן אויף דער לינקער
און מיט אירע זעגיקע ציין
דורך הויט
צו מײַן בלוט זיך דערטאַפּן.

ווען האָט די צײַט באַוויזן
מיך דעריאָגן —
איבעריאָגן?
זי לויערט איצט אין יעדען ווינקל
דאָ אַרומעט.
הײַנט האָבן די יאָרן
זייער ערשטן שפּור אין מיר אַרײַנגעשניטן.
די צײַט האָט מיך
ביי דער האַנט אָנגעכאַפּט.
וואָס וויל זי?
צי ווייסט זי, אַז בײַ מיר
וועט זי קיין פונט חלום ניט קאָנען אָפּמאָנען
פֿאַר גראָשן יאָרן?

הַמַּשּׂוֹר הַמְּחֻזָּק בְּיָדִי הַיְמָנִית —
קָפַץ עַל הַשְּׂמָאלִית
וּבְמַלְתְּעוֹת שִׁנָּיו
דֶּרֶךְ הָעוֹר
מְשַׁשֵּׁשׁ דָּמִי.

מָתַי עָלָה בְּיַד הַזְּמָן
לְהַשִּׂיגֵנִי —
לְעָבְרֵנִי?
עַכְשָׁו הוּא שָׂם מַאֲרָבוֹ בְּכָל פִּנָּה
סָבִיב סָבִיב.
הַיּוֹם טָבְעוּ בִּי הַשָּׁנִים
אֶת טְבִיעָתָן הָרִאשׁוֹנָה.
הַזְּמָן
תְּפָסַנִי בְּיָדִי.
מָה רְצוֹנוֹ?
הַאִם יוֹדֵעַ הוּא
כִּי לֹא יוּכַל לִגְבּוֹת אֶצְלִי
כָּל לִיטְרָה שֶׁל חֲלוֹם
עֲבוּר פְּרוּטוֹת שָׁנִים?

ה

אַזוי וויל איך פֿאַלן:
מיט אָפענע ליפּן און אָרעמס און אויגן.
אַראָפּ־צו.
כ'וועל פֿאַלן אָן חשבון.

אָן חשבון
אַראָפּ־צו
מיט אָפענע ליפּן און אָרעמס און אויגן.
פֿאַלן.
בײַ קיינעם ניט פֿרעגן,
מיט קיינעם ניט ריידן.

נאַראָנים
און בלומען
זיי מיינען:
איך בין דער רעגן.

ה

אֶשְׁאַל כָּךְ לִפֹּל:
בִּשְׂפָתַיִם, זְרוֹעוֹת וְעֵינַיִם פְּתוּחוֹת.
לְמַטָּה.
לִפֹּל בְּלִי חֶשְׁבּוֹן.

בְּלִי חֶשְׁבּוֹן
לְמַטָּה
בִּשְׂפָתַיִם, זְרוֹעוֹת וְעֵינַיִם פְּתוּחוֹת.
לִפֹּל.
מִבְּלִי לְדַבֵּר,
מִבְּלִי לִשְׁאֹל אִישׁ.

טִפְּשִׁים וּפְרָחִים יַחְשְׁבוּ:
אֲנִי הַגֶּשֶׁם.

ו

איך אַ שעפּס
און דו
אַ מע.

עס וועט דאָ ניט העלפֿן קיין אײַזערנע קאַם.
לאָקן און לאָקן. אַ ים.
שפּאַצירן מיר בײַם ברעג:
איך אַ באָרוועסע
און דו
אַן זאָקן.

עס וועט דאָ ניט העלפֿן קיין קאַם.
לאָקן
איבער די אויערן.
ליגן מיר אויפֿן זאַמד:
איך אַ נאַקעטע
און דו
אָן אַ העמד.

ו

אֲנִי כִּבְשָׂה
אַתָּה הוּא
מֶה.

לֹא יַעֲזֹר פֹּה מַסְרֵק שֶׁל בַּרְזֶל.
תַּלְתַּלִּים, תַּלְתַּלִּים. יַם־הַמַּיִם.
יַחְדָּו נֻטַּיֵל עַל הַחוֹף:
אֲנִי יְחֵפָה
אַתָּה
בְּלִי גַּרְבַּיִם.

לֹא יַעֲזֹר פֹּה מַסְרֵק.
תַּלְתַּלִּים
מֵעַל הָאָזְנַיִם.
אַתָּה שׁוֹכֵב עַל הַחוֹל,
לְיָדְךָ אֲנִי רְבוּצָה:
אֲנִי עֲרֻמָּה
אַתָּה
בְּלִי חֻלְצָה.

כ׳האָב אין אַ חלום דערזעז מײַן לעבן.
אַ פולע קרוג. אַ פּאַנאָראַמע.
ערשט די זון,
דער ים,
און אַ לאָקן־פּלאָנטער
װאָסערפאַלן אַריבער
אויך אויף יענער זײַט ראַם.

נאַרישע קאַם!

רָאִיתִי בַּחֲלוֹם תְּמוּנַת חַיַּי.
כַּד עַל גְּדוֹתָיו. מֶרְחָב שֶׁל נוֹף.
הֵן הַשֶּׁמֶשׁ
הַיָּם
וּסְבַךְ הַתַּלְתַּלִּים
הֵם מַפָּל
שֶׁעֵבֶר מִזֶּה לַמִּסְגֶּרֶת גָּלַשׁ.

מַסְרֵק מְטֻפָּשׁ!

ז

אַזוי ווי דו קעצל,
ליגט דער באַרג הײַנט פרי
אויסגעשפּרייט
אין דער זון.
ס׳איז אים וואַרעם און ווייך.
פון די טיפענישן
מורקעט עפּעס אַזוי ברוסטיק אַרויס
פון אײַךביידן.
אַ באַרג וואַרעמט זיך אויף דער זון
מיט פאַרזשמורעטע אויגן
און וואַכע אויערן.
ברומט, פאַרברומט אינזיך.
קוקט זיך גוט צו —
וועט איר אפילו זען
ווי אַזוי ער ציט אַרויס און ארײַן
די נעגל (פון גרויס ווילטאָג)
ווען איך גיי פאַרבײַ.
אַזוי ווי דו, קעצל,
אַזוי ווי דו.

ז

כָּמוֹךָ, חֲתוּלִי,
שׁוֹכֵב הָהָר הַבֹּקֶר
פְּשׁוּט אֲבָרִים
בַּשֶּׁמֶשׁ.
חָמִים לוֹ וְנָעִים לוֹ.
מֵעִמְקֵי מַעֲמַקִּים
מִתְהַמְהֵם מַשֶּׁהוּ כֹּה חָזִי
מִשְּׁנֵיכֶם.
הַר מִתְחַמֵּם לוֹ בַּשֶּׁמֶשׁ
בְּצִמְצוּם עֵינַיִם
וְאָזְנַיִם כְּרוּיוֹת.
נוֹהֵם־מִתְנַהֵם בִּפְנִימוֹ.
הִסְתַּכְּלוּ־נָא הֵיטֵב —
אָז אֲפִלּוּ תִּרְאוּ
אֵיךְ שֶׁהוּא מְגַלֶּה וּמַחְבִּיא
צִפָּרְנָיו (מֵרֹב נַחַת)
בְּעֵת שֶׁאֲנִי עוֹבֶרֶת.
כָּמוֹךָ, חֲתוּלִי,
כָּמוֹךָ.

ח

טעג און נעכט.
און ווידער טאָג
און ווידער נאַכט.

גאָר אַנדערש גייט די זון אויף
אונטער מײַנע הענט,
און אַנדערש לעשט זי זיך
אין דיר, אין שיינער טרער.

אַנדערשער קאָן ניט זײַן.

ערשט ווען עס שנײַדט דער עלנט
פון אונדז ביידע שטיקער בענקשאַפט,
ווערן מיר ענלעך.

און ווידער טאָג און ווידער נאַכט.
איך וויל זיך מיט דיר ניט געזעגענען.

ח

יָמִים וְלֵילוֹת.
וְשׁוּב כְּבָר יוֹם
וְשׁוּב כְּבָר לַיְלָה.

אַחֶרֶת לַחְלוּטִין עוֹלֶה הַשֶּׁמֶשׁ
מִתַּחַת לְיָדַי,
אַחֶרֶת מְכַבֶּה עַצְמוֹ
בְּךָ, בִּיפִי דִמְעָה.

אַחֶרֶת מְרֻבָּה מִזֶּה לֹא יְכֹלָה לִהְיוֹת.

רַק כַּאֲשֶׁר חוֹתֶכֶת הַבְּדִידוּת
בְּךָ וּבִי נִתְחֵי גַּעֲגוּעִים,
הוֹפְכִים אָנוּ דוֹמִים.

וְשׁוּב כְּבָר יוֹם וְשׁוּב כְּבָר לַיְלָה.
אֵינִי רוֹצָה לְהִפָּרֵד מִמְּךָ.

ט

גוטע לידער שרײַבט מען ביז עלף אַזייגער.

לידער

שרײַבט מען
ביז מע וואַכט אײַן.
אַז מע וואַכט אויף,
נעמט מען די גוטע לידער
און אָדער מע צערײַסט זיי פּאַסיקלעך, פּאַסיקלעך
און קעסטעלעך, קעסטעלעך —
אָדער מע סקראַמטשעט זיי צונויף אין פויסט
פּילקעלעך, פּילקעלעך.
און (להבדיל) די לידער
הייבט מען אויף
און מע ווישט אָפּ פון זיי די סלינע
און מע גייט זוכן אַ פרײַנד
אים זיי ווײַזן.
און אויב דו האָסט צוויי פרײַנד
גייסטו, גליקלעכער, זוכן
די צוויי פרײַנד
זיי זיי צו ווײַזן.

ט

שִׁירִים טוֹבִים כּוֹתְבִים עַד אַחַת־עֶשְׂרֵה בַּלַּיְלָה.
שׁ י ר י ם
כּוֹתְבִים
עַד שֶׁעֵרִים.
כְּשֶׁמִּתְעוֹרְרִים,
לוֹקְחִים אֶת הַשִּׁירִים הַטּוֹבִים
וְאוֹ שֶׁקּוֹרְעִים אוֹתָם רְצוּעוֹת רְצוּעוֹת
וְרִבּוּעִים רִבּוּעִים —
אוֹ שֶׁקּוֹמְצִים אוֹתָם בְּאֶגְרוֹף
כַּדּוּרִים כַּדּוּרִים.
ו(לְהַבְדִּיל) אֶת הַשִּׁירִים
מְרִימִים
וּמְנַגְּבִים מֵהֶם אֶת הָרֹק
וְהוֹלְכִים לְחַפֵּשׂ יָדִיד
לְהַרְאוֹתָם לוֹ.
וְאִם יֵשׁ לְךָ שְׁנֵי יְדִידִים
הוֹלֵךְ אַתָּה, הַמְאֻשָּׁר, לְחַפֵּשׂ
אֶת שְׁנֵי הַיְּדִידִים
לְהַרְאוֹתָם לָהֶם.

י

די לבנה הייבט זיך אויף פון מזרח.
שווער מיט זיך, מיט זינד.
מאַראַנצן־רויט
רײַסט זי זיך אַריבער ביימער.
וואָס העכער — אַלץ געלער.
און אין אַ שעה אַרום
וועט זי אַ בלייכע, ווײַסע
לייקענען אַלץ.

פרעגט איר ניט
ווו זי האָט זיך געוואַלגערט אַ גאַנצן טאָג.
זי שטייט אויף אין אָוונט
און עס פלאַמט מיט איר
אַ גאַנצער האָריזאָנט.

י

הַלְּבָנָה גַּם הִיא עוֹלָה מִן הַמִּזְרָח.
בְּכֹבֶד שֶׁל עַצְמָהּ, בְּכֹבֶד שֶׁל אַשְׁמָה.
בְּאֹדֶם הַתַּפּוּז
פּוֹרֶצֶת־בְּכְבֵדוּת מֵעַל צַמְּרוֹת עֵצִים.
כְּכָל שֶׁמַּגְבִּיהָה — כֵּן מַצְהִיבָה.
וְכַעֲבֹר שָׁעָה
חִוֶּרֶת וּלְבָנָה
הִיא תִּתְכַּחֵשׁ לַכֹּל.

אַל תִּשְׁאָלוּהָ
אֵיפֹה הִתְגַּלְגְּלָה בְּמֶשֶׁךְ כָּל הַיּוֹם.
קָמָה הִיא לְעֵת עֶרֶב
וְלוֹהֵב עִמָּהּ
אֹפֶק שָׁלֵם.

י״א

איך וויל אַזוי שלאָפֿן.
פֿאַרגעסן אין זיך.
אין דיר,
אינעם אמת.
אויפֿשטיין מיט אַנדערע אויגן,
מיט אַנדערע האָר.
אָן ביכער, פּאַפּירען מײַן טיש.

איך וויל אַזוי שלאָפֿן.
אויפֿן בויך. די הענט אַרום קישן.
דערמאָנען זיך פּינקטלעך
ווי איך
און דו
און דער פֿרילינג
האָבן זיך אויף איין טשוואָק
אויפֿגעהאָנגען.
און עמעצער האָט געוויינט,
און עמעצער האָט געלאַכט,
און דער אמת האָט זיך געמיט
כאָטש דער פֿרילינג
זאָל פֿון טשוואָק אַראָפּ.

יא

אֲנִי רוֹצָה כָּל־כָּךְ לִישֹׁן.
לִשְׁכֹּחַ אֶת עַצְמִי,
אוֹתְךָ,
אֶת הָאֱמֶת.
לָקוּם כְּשֶׁעֵינַי אֲחֵרוֹת
וְאַחֵר שְׂעָרִי.
שֻׁלְחָנִי בְּלִי סְפָרִים, נְיָרוֹת.

אֲנִי רוֹצָה כָּל־כָּךְ לִישֹׁן.
עַל הַבֶּטֶן. הַיָּדַיִם חוֹבְקוֹת אֶת הַכַּר.
לְהִזָּכֵר בְּדִיּוּק
אֵיךְ אֲנִי
וְאַתָּה
וְהָאָבִיב
נִתְלֵינוּ בְּמַסְמֵר
אֶחָד.
וּמִישֶׁהוּ בָּכָה,
וּמִישֶׁהוּ צָחַק,
וְהָאֱמֶת הִשְׁתַּדְּלָה
כִּי לְפָחוֹת הָאָבִיב
יֵרֵד מִן הַמַּסְמֵר.

י״ב

אַ מאָל אין דער נאַכט
קלאַפּט אָן אין אויער,
אין צאַרטן אינווייניק פון ליד,
אין פאַרהוילענע לאַבירינטן,
קלאַפּט און טאַפּט
שיִער ניט ערנסט, דערוואַקסן —
אַ גרויס־מאָטיוו.
גרויס הונגער.
גרויס באַגער.

אַ מאָל אין דער נאַכט
און אַ מאָל אין סאַמען גלי פון טאָג
שטויס איך זיך אָן אינעם קוק
פון אַן אָפן אויג.
אַ לאַכנדיק אויג.
דעם אמת זוכט ער.

ס׳קומען מה־טוב מאָטיוון,
און מאָגערע מײַז,
מעלאָדיעס שטילע.

יב

לִפְעָמִים בַּלַּיְלָה
מִתְדַּפֵּק עַל הָאֹזֶן
בִּפְנִימוֹ הֶעָדִין שֶׁל הַשִּׁיר,
בְּסִתְרֵי מְבוּכִים,
מִתְדַּפֵּק, מְמַשֵּׁשׁ,
כִּמְעַט וּרְצִינִי, מְבֻגָּר —
מוֹטִיב־גָּדוֹל,
רָעָב גָּדוֹל,
אִוּוּי גָּדוֹל.

לִפְעָמִים בַּלַּיְלָה
וְלִפְעָמִים בְּעִצּוּמָם שֶׁל צָהֳרֵי הַיּוֹם
אֲנִי נִתְקֶלֶת בְּמַבָּט
שֶׁל עַיִן פְּקוּחָה,
עַיִן צוֹחֶקֶת,
אֶת הָאֱמֶת הוּא מְבַקֵּשׁ.

בָּאִים מוֹטִיבִים שֶׁל מַה־טּוֹב
וְעַכְבָּרִים כְּחוּשִׁים
וּמַנְגִּינוֹת שְׁקֵטוֹת.

ס׳ברענגט יעדערער זײַן משוגעת,
יעדער זײַן אייגנס...

אַ צו בלױער הימל
און אַ צו פריִער פרילינג
האָבן מיט זאַלץ און זון
אַרײַנטאַטוּירט אין מיר
זייער ריטעם, זייער װוּנד.
װילדער טאָם־טאָם:
שיִער ניט ערנסט, פאַרשעמט —
כ׳האָב אין דיר
דערקענט
מײַן אייגן משוגעת.

1966

וְכָל אֶחָד מֵבִיא אֶת שִׁגְעוֹנוֹ שֶׁלּוֹ.
מֵבִיא אֶת שֶׁלּוֹ...

שָׁמַיִם כְּחֻלִּים מִדַּי,
אָבִיב מֻקְדָּם מִדַּי
בְּמֶלַח וְשֶׁמֶשׁ
חָרְתוּ בִּי בְּצָרַב קַעֲקַע
אֶת קִצְבָּם, אֶת פִּצְעָם.
טִמְטֵם פֶּרֶא:
כִּמְעַט וּרְצִינִי, מְבֻיָּשׁ —
הִכַּרְתִּי בְּךָ
אֶת שִׁגְעוֹנִי שֶׁלִּי.

אינהאלט

סדר השירים

ספרי רחל פישמן :

(1) זון איבער אלץ
בהוצאת י. ל. פרץ

(2) דערנער נאָכן רעגן
בהוצאת „ישראל־בוך"